בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' מטו"מ תשפ"ב
Vol. 37A
United Jewish Community of Blooming Grove

**זמנים**
**מטו"מ**
הדלקת הנרות
**8:02**
סו"ז קריאת שמע
**9:28**
זמן מוצש"ק
**8:49**

# ווילעדזש נעמט איבער קאָסטבאַרער פּראָיעקט פון אינסטאַלירן לאַנג - ערוואַרטעטע און וויכטיגע טראַפיק סיגנאַל ביים אינטערסעקשאָן פון מאַונטן רד און 208

**גאר וויכטיגע פארצויגענע 'פיקוח נפשות' פראיעקט ווערט נאך אימערמידליכע השתדלות איבערגענומען דורך די ווילעזש אדמיניסטראציע, וואס וועט צואיילן די ארבעט - ווילעזש נעמט ארויס ספעציעלע באנדס פאר דעם פראיעקט כדי נישט צו באלעסטיגן די שטייער צאלער; באנדס ווערן באצאלט דורך דעוועלאפער**

זייט 5

# פּרואוו פון אנטיסעמיטן צו נוצן "היסטאָריע" צו שטערן בלומינגראָוו וואוקס "איינגעוואָרפן"

**פלענער אויפצובויען רחבות'דיגע כשר'ע סופערמארקעט פאַר בלומינגראוו שפאנט פאראויס נאך איינווארפונג פון אלטע הייזקע אויף וועלכע די אנטיסעמיטן האבן זיך געהאט אנגעקלעבט**

**באריכט פון די צייטונג:**

א פרואוו פון לאקאלע אנטיסעמיטן צו שטערן די וואוקס פון אידישע הייזער און אידישע ביזנעסער אינעם געגנט, דורכ'ן נוצן "היסטאריע" אלס א געצייג פאר זייער אנטיסעמיטיזם, האט ווירקליך זיי צוריקגעקלאפט אין פנים, ווען דער גאנצער פרואוו איז איינגעפאלן ווי א הויפן ברוכווארג - ווי די עסקנים דרוקן זיך אויס מיט א לייכטע שטימונג.

דער ישוב בלומינגראוו איז היינט צוטאגס פון די שנעלסט-וואקסנדע און שענסטע ישובים פון חרדי'שע אידן אין ניו יארק סטעיט, מיט שיינע רחבות'דיגע הייזער און אלע צוגעהערן, און עס פארמאגט אומצאליגע בתי מדרשים, ישיבות און אלע אנדערע איינריכטונגען וואס ס'פעלט זיך אויס. אזוי אויך האלט אינמיטן געבויט ווערן א גרויסער חתונה זאל וואס וועט סערווירן די תושבים פונעם ישוב בעת שמחתם, מיט נאך פילע פלענער אויפן צוקונפט.

דער ישוב איז קאנצענטרירט דערווייל אין די גרעניצן פונעם ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו, וואו די עסקנים האבן מיט גרויס סייעתא דשמיא באוויזן ארייצואוועלן, מיט'ן הילף פונעם בלאק-וואוט פון די לאקאלע חרדי'שע איינוואוינער, א פולקאם-חסידישע ווילעדזש טראסטי באורד, און אויך א מעיאר, דזשארדזש קאלאדזש, וועלכער איז זייער פריינטליך און פארשטענדליך צו די אידישע געברויכן, טראץ וואס ער ליידט דערפאר אסאך רדיפות.

ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו באשטייט פון 5.2 סקווער מייל גרויס און איז א ווילעדזש וואס איז אלט נישט מער ווי זיבעצן יאר. עס עקזיסטירט אינערהאלב דעם "טאון אוו בלומינג גראוו" וואס איז 35 סקווער מייל גרויס, און אינעם טאון איז אויך דא דער ווילעדזש אוו וואשינגטאנוויל וואס איז 2.2 מייל גרויס. דער

פארזעצונג אויף זייט 6

# אימפּאזאנטער מסיבת לחיים בראשות כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א צום פריידיגן גמר המקח פון בנין ישיבת אור החיים ד'טאָהש בתוככי עירינו בלומינגראוו המעטירה



זייט 6

# מולטי-פּאַרצווייגטע רענאָוואַציעס אויף אינטערסטעיט עלעקטריק פּאַוער ליניעס שאַפט טראַפּיק אויף 208 רט.

אין די יעצטיגע זומער מאָנאַטן ווערט דורכגעפירט אַ ברייטע "מעינטענעס און ריפּער" אונטערנעמונג אויף די צענטראַלע אונטער-סטעיט עלעקטריק פּאַוער ליניעס, וועלכע שניידן דורך אויך אונזער ווילעדזש און אַלע געגנטער אַרום.

די פּאַרצווייגטע ריפּעירס ווערט געמאַכט אויף צענדליגער מיילן פון די גרויסע עלעקטעריק טורעמס וועלכע טראנספארירן דעם ריזן עלעקטעריציטעט נעטוואָרק פון איין געגנט צו דער אַנדערער, פאר די גאַנצע נאָורט איסט ראַיאָן.

די גרויסע עלעקטעריק פירמע "טרענק- קאָו" האָט דעריבער אפּגעדינגען דעם גרויסן שטח פון "גאָלף קאַרס" וואָס געפינט זיך אויפ'ן רט 208, וואָס איז זייער צוגענגליך צו די דראָטן טורעמס. דער גרויסער פּראַפּערטי איז אין די טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס אַ "סטעידזשינג עריע" פּלאַטפאָרמע, וואו עס ווערט אַריינגעשיקט די שווערע מאשינעריי, עקוויפּמענט און מאטריאל, וואָס פאַרפיגט און סערווירט גאַנצע 25 מייל אַרום אונזער געגנט אויףביידע זייטן.

לויט די פּלענער וועט די אַרבעט געדויערן כאָטש זעקס מאָנאַטן, ווילאַנג די פאַרצווייגטע "ריפּעריס" וועלן פאַרענדיגט ווערן פאַר די צענדליגער מיילן עלעקטיריציטעט.

לאָקאַלע דרייווערס וועלכע באַנוצן זיך אַסאַך מיט דעם רט 208 זאלן טאַקע זיין מער פאָרזיכטיג אין אַ צייט ווען מען זעט אַסאַך מער שווערע טראָקס מיט עקוויפּמענטס וועלכע קומען רעגלסמעסיג איין און אַרויס פון דעם שמאָלן דרייוועי אויפ'ן 208. די ווילעדזש איז אין נאָנטע פאַרבינדונג מיט די פירמע צו פאַרזיכערן אַז די אָנגייענדע אַרבעט זאָל נישט צופיל שטערן פאר די היזיגע איינוואוינער און מאָטאָריסטן.







# ווילעדזש רענאָוואַציע פּראָיעקט אונטערגענומען צו פאַררעכטן "דרעינידזש" אויף די גאַסן פון מעריוואלד לעין נאָורט און פּראָספּעקט ראָוד

אין די יעצטיגע וואָכן האָט זיך אָנגעהויבן די אַקטיווע רענאָוואַציע אַרבעט וואָס ווערט דורכגעפירט אויף די גאַסן פון מעריוואלד לעין נאָורט און פּראָספּעקט ראָוד, צו גענצליך איבערפרישן די דרעיניזש אינפראַסטראַקטור וואָס איז שוין געווען אין אַ זייער נאָכגעלאָזטן צושטאַנד.



די אַרבעט זעצט פאָר צו פאַרמיידן שאָדנס פאר מאָטאָריסטן און פאר לאַנד און היים אייגנטומער אין דער געגנט, מיט דער האָפענונג אַז דער פּראָיעקט זאל שוין זיין ערגענצט אין די נאָנטע טעג, ווען דערנאָך וועלן די ראָודס ווערן איבערגעפלאַסטערט מיט אַ פרישע שיכט פעיווינג, צו זיין פולקאָם גרייט אויפ'ן קומענדיגן ווינטער סעזאָן.

**ומתקנים את הדרכים ואת הרחובות.**

### נאָך אַ נאָבעלע פּראָיעקט דורך פּאַראייניגטע כח השתדלנות והחסד פון אונזער שפּרודלנדע שטאט

# ברייטהאַרציגע חלוקה פּאָרנט פון "יו. זשעי. סי." הויפּטקוואַרטיר פּאַרטיילט ווערטפולע פּראָדוקטן פאר הונדערטער תושבי העיר

### פארגאנגענעם ערב שב"ק פ' פנחס הבעל"ט

אשרי העם שככה לו!

דאָס וואס עס האט זיך אפגעשפילט פאַרלאָפענעם עש"ק פּנחס אויף די גאַסן פאָרנט פון דעם הערליכן "יו. דזשעי. סי." הויפקווארטיר איז עפּעס וואָס וויל בשום אופן נישט אַרויסגיין פון די אויגן.

די הערליכע סצענע וויאַזוי אידן העלפן זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן, וויאַזוי די געטרייע עסקנים לאדענען אָן די לאַנגע רייע פון קאַרס וועלכע שלענגלען זיך צו אָפּנעמען די ברייטע און נאַרהאַפטיגע עסן חלוקה, דאָס איז עפּעס וואָס האָט ווידעראַמאָל פּראָקלאַמירט דאָס שיינקייט און פּראַכט פון בלומינגראוו, העיר שחברה לה יחדיו!

די גרויסאַרטיגע חלוקה איז ערמעגליכט געוואָרן אַדאַנק די אינטערוועניץ און השתדלות פון די "יו. דזשעי. סי." און ס'איז טאַקע אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַ ברייטהאַרציגקייט און גוט - ברודערשאַפּט, "בלומינגראוו סטיל", ווען במשך לאַנגע שעות איז פּאַרטיילט געוואָרן הויפענעס פון ווערטפולע פּראָדוקטן פאר אַלע תושבי העיר, כל דכפין ייתי ויכול, להחיות בהם נפש כל חי.

דורך די געטרייע עסקני העיר איז אַריינגעלייגט געוואָרן באַזונדערע מחשבה צו פּאַרטיילן אַזעלכע פּראָדוקטן וואָס זענען נוצבאַר אין יעדע אידישע שטוב אָן קיין אויסנאַם, איבערהויפּט שטייענדיג אין אַ צייט ווען דער אינפלאַציע קריזיס שפּירט זיך שטאַרק, און גראָסערי פּראָדוקטן זענען זייער געשטיגן.



איינס פון די באקסעם מיט די ווערדטפולע פּראדוקטן אויסער מילך און זשוס, (עס איז פארטיילט געווארן עטליכע באקסעם לויט די פארלאנג און גרויסקייט פון די משפחות בלעיה"ר)




מי שטרח בערב שבת: איש החסד מוה"ר שמעון ישראל פאזען הי"ו וואס האט ערמעגליכט די חלקוה לטובת תושבי עירינו, אינאיינעם מיט די חשוב'ע עסקנים ביי די חלוקה פארגאנגענעם ער"ש, ווערט אויך געזעהן דער טראסטי מו"ה לייב ראזנער הי"ו

תושבי העיר האָבן ווירקליך אויסגעדרוקט שעצונג און אַנערקענונג פאר די ארבעט און פלאג פון די שלוחי הציבור וועלכע האבן געארבעט אויף ביידע פראנטן, סיי צו אַנגאַזשירן די טעכנישע און לאגיסטישע דעטאלן פון די חלוקה מהחל ועד כלה, און סיי די פיזישע ארבעט צו פּאַרטיילן די הונדערטער באקסעס און פארזיכערן אז יעדער איינוואוינער ערהאלט זיין באַקס בכבוד הראוי, דורך אַ געטרייע שטאַב פון עסקנים וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן אָרט דורכאויס די גאַנצע צייט און האָבן ווידעראַמאָל געברענגט צום אויבערפלאַך די כח האחדות מיט וואָס אונזער שטאט איז געבענטשט.

מפרסמים עושי מצוה, זאל טאקע ערוועגט ווערן בשער בת רבים אַ ברכת הכרת הטובה פאר ידידינו וידיד כל בית ישראל, מחשובי תושבי עירינו, הרבני החסיד איש החסד מו"ה שמעון ישראל פאזען הי"ו ובניו החשובים, וואָס ווי שטענדיג זענען זיי געוועזן די "עומדים על הפקודים" וועלכע האָבן ערמעגליכט די הערליכע חלוקה זאל טאַקע קענען צושטאַנד קומען, לע"נ זיין חשוב'ער לייטזעליגער פאטער הרה"ח ר' אברהם יעקב ב"ר פנחס יהודה ז"ל, און זיי זענען טאַקע אָנגעפירט מיט דעם גרויסן אָפּעראַציע מיט אַ טרחא דגופא בסבר פנים יפות צו פאַרזיכערן אַז אַלע זענען צופרידן, ביז אין די שפּעטע ערב שבת שטונדן, תשואת חן חן להם.

## די "יו. זשעי. סי." קוקט אַרויס פאָראויס צו מעלדן בעז"ה איבער קומענדיגע חלוקות אין דער נאָנטער צוקונפט, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק!

# ווילעדזש נעמט איבער קאָסטבאַרער פּראָיעקט פון אינסטאַלירן לאַנג - ערוואַרטעטע און וויכטיגע טראַפיק סיגנאַל ביים אינטערסעקשאָן פון מאַונטן רד און 208

דער ווינקל וואו רוט 208 גרעניצט זיך מיט מאונטן רד. איז שוין זייער לאנג טרויעריג באַקאַנט פאר לאָקאַלע מאָטאָריסטן אַלס געפארפולע און פראבלעמאטישע מקום מוכן פאר קאר - עקסידענטן ה"י. צענדליגער היימישע אידן האבן שוין דארט געליטן געלט פארלוסטן און ליידער אויך ערגערס, השי"ת זאל אודאי האלטן די רעכטע האנט. אין דער פארגאנגענהייט האט מען שוין אסאך געטון אין דעם געביט, אן ערפאלג. פילע פאליטיקאנטן און באאמטע האבן פרובירט דאס צו דורכפירן אבער עס איז קיינמאל נישט צושטאנד געקומען.

ווירקליך איז דאָס טאַקע געווען פון די ערשטע איניציאַטיוון וואָס ס'איז אונטערגענומען געוואָרן באַלד נאָכדעם וואָס די נייע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איז אַריינגעקומען אין ווילעדזש אָפיס. אַדאַנק די עפעקטיווע שתדלנות פון די היימישע געהילפן צום מעיאָר האָט מען דעמאָלט ערררייכט אַ באַשטעטיגונג פון סטעיט סענאטאר סקופיס, אַז די 'די. או. טי.' זאל אינסטאָלירן דעם טרעפיק סיגנאל אויף מאונטען ראוד ביים 208, וואס וועט בעזהשי"ת איינשפארן אומצאליגע שאדנס בגוף ובממון, פאר אחינו בני ישראל.

אָבער, צום באַדויערן, איז דער טראַפיק סיגנאַל נאָכנישט צושטאַנד געקומען, צוליב פאַרשידענע אויסריידן פון די קאַונטי די. או. טי. וועלכע איילט זיך נישט מיט דעם פּראָצעדור, און האָט רעגלסמעסיג אָפּגעשטופּט דעם פּראָיעקט מיט אַנדערע אורזאַכן. ס'איז געקומען צו אַ פּונקט אַז די די. או. טי. האָט געמאָלדן אַז אַנדערש ווי געפּלאַנט, אַז דער טראַפּיק סיגנאַל זאל ווערן אינסטאָלירט ענדע פון יאָר '22 למספּרם, איז דאָס אָפּגעשטופּט געוואָרן אויפ'ן יאָר '25 למספּרם.

די געטרייע געהילפן צום מעיאָר, זעהנדיג אַז דאָס איז אן ענדלאָזע סיטואַציע אין אַ צייט וואָס מען קען שוין נישט וואַרטן מער, האָבן דעריבער באַשלאָסן צו נעמען דעם קומענדיגן קאסטבטארן אָבער וויכטיגן שריט, ווען נאָך לאַנגע באַראַטונגען און פאַרהאַנדלונגען מיט די סטעיט און קאַונטי אינדזשענירן און לעגאַלע עקספּערטן, איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן אז די ווילעדזש וועט פולקאָם איבערנעמען דעם פּראָיעקט, אויף אירע קאסטן און אויף אירע טערמינען, אַזוי אַרום אַז מען זאָל קענען צואיילן דעם פּראָצעדור, און נישט זיין אָנגעוויזן אויף די פאַרצויגענע ביוראָקראַטיע פון דרויסנדיגע אַגענטורן.




סקיצע פון דעם איבערגעפרישטן אויסשטעל פון די ראָודס, נאָכדעם וואָס דער טראַפּיק סיגנאַל וועט זיין אינסטאלירט

ווי דער כלל, וואָס באַגלייט די שלוחי הציבור פון דער ערשטער מינוט, אַז "געזאָגט און געטון", האָט מען זיך באַלד אַריינגעוואָרפן צו אָנהויבן דעם פּראָצעדור פון דרעפטן דעם פּאַסיגן אויסשטעל פון די ליניעס וואָס וועלן צוקומען ביי דעם אינטערסעקשאָן. דאָס זעלבע האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט זיך אומקוקן אויף די פרייזן פון אַהערשטעלן דעם פּראָיעקט מיט'ן פּאַסיגסטן דעזיין, אינדזשענירונג און די אַקטועלע עלעקטרישע טראַפּיק סיגנאַלן מיט אַלע אירע צוגעהערן.

נאָכ'ן דורכגיין אַלע דעטאַלן איז טאַקע ענדגילטיג באַשטעטיגט געוואָרן די בשורה מרנינה אַז אין די קומענדיגע מאָנאַטן וועט דער ווילעדזש בעז"ה אינסטאָלירן דעם טעמפּערערי טראַפּיק סיגנאַל ביי דעם געפאַרפולן אינטערסעקשאָן.

דער פּראָיעקט וועט אָפּקאָסטן אַ געשאַצטע סומע פון דריי הונדערט טויזנט דאָלער, וואָס איז אייגנטליך פיל ווייניגער ווי די אָריגינעלע פרייז וואָס די "די.או.טי." האָט פאָרגעשלאָגן פון נאָנט צו 1.5 מיליאָן דאָלער.

ביי דעם ווילעדזש באָורד מיטינג, דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג פנחס, האָט די באָורד טאַקע איינשטימונג געשטימט צו באַשטעטיגן דעם פּראָיעקט, פאר די זיכערהייט פון די הונדערטער טעגליכע רייזנדע ביי דעם פארנומענעם אינטערסעקשאָן.

די פאָנדן וועלן ווערן איינקאַסירט פון דעוועלאָפּער וועלכע בויען קאָמערציעלע דעוועלאָפּמענטס אויפ'ן רוט 208, און אין דער צווישן צייט האָט דער ווילעדזש אַרויסגענומען אַ גאָווערמענט באַנד אויף אַ לענגערן טערמין מיט גאָר גוטע צינזן ראַטעס, וואָס וועט ערמעגליכן אַז די אַרבעט זאָל זיך קענען אָנהויבן גאָר איניגיכן, אָן דעם וואָס עס זאל האָבן אַן אַפּעקט אויף די שטייער צאָלער און אויף די טעקס בילס פון איינוואוינער אינעם ווילעדזש.

# העלישע קאַר פייער אויסגעבראָכן פאַרלאָפענעם פרייטאָג בלק אויף מענגין ראָוד

## מעיאר אדרעסירט די פאַרנאַכלעסיגטע רעאקאציע דורך די לאקאלע פייער דעפארטמענט

א העלישע קאַר פייער האָט אויסגעבראָכן דעם פאַרגאַנגענעם פרייטאָג בלק אין די פאַרמיטאָג שטונדן, אויף דעם פארנומענעם מענגין ראָוד, ווען אַ "ווען" פון אַ אידישן אייגנטומער איז געוואָרן איבערגעהיצט און דערנאָך אויפגעריסן אין פלאַמען.





די געטרייע הצלה וואלענטורן זענען באַלד אָנוועזנד געווען אויף דער סצענע, צו פאַרזיכערן אז לעבנס זענען נישט אין קיין געפאַר חלילה. נעמענדיג אין באַטראַכט אַז דער ברענענדיגער ווען איז געווען פאַרקירט האַרט נעבן "היי וואלטידזש" עלעקטערישע דראָטן און אַזוי אויך נעבן ביימער וועלכע האָבן זיך שוין אייגנטליך עטוואָס אָנגעכאַפּט פון דאָס פייער, האָט מען אין דער איילעניש עוואַקואירן דאָס דערנעבענדיגע הויז, כדי צו פאַרמיידן סיי וועלכע אינצידענטן און ב"ה אַז ס'איז טאַקע נישט געווען קיין שום געשעדיגטע אָדער חלילה ערגערס, ושפך כעסו על עצים ואבנים.

גלייכצייטיג איז דער פייער געווען נאָך אַ דערמאַנונג איבער די פאַרנאַכלעסיגטע ווירטשאַפט אינערהאַלב די לאָקאַלע פייער דעפּאַרטמענט, וועלכע זענען הערשט אָנגעקומען אויף די סצענע לאַנגע פופצן מינוט נאָך דעם אָנהויב פון די סיטואַציע, ווען הערשט דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן עפּעס טון צו ברענגען דעם פייער אונטער קאָנטראָל.

ביי דעם ווילעדזש זיצונג, דעם נאָכפאָלגענדן מאָנטאָג פרשת פנחס, האָט דער מעיאָר ערוועגט דעם פאַל, זאָגנדיג אַז דאָס איז נישט עפּעס וואָס דאַרף אַזוי זיין און אַז דאָס ווערט ערנסט גענומען אין באַטראַכט, מיט דער האָפענונג צו האָבן פּאָזיטיווע נייעס אויף דעם געביט גאַנץ בקרוב בעז"ה.

# מאַכטפולע "גריינדערס" ווען געקויפט און אינסטאַלירט ווערן צו פאַרלייכטערן סוער אינפראַסטראָקטור

אין די אָנגייענדע פּרואוון פון דעם ווילעדזש צו פאַררעכטן און פאַרלייכטערן דעם אַלטן סוער אינפראַסטראָקטור איז אַנומלט באַשטימט געוואָרן, אַז נאָך צענדליגער אַנדערע אָפּציעס וואָס זענען שוין גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, וועט דער ווילעדזש אַצינד אָפּקויפן און אַריינשטעלן צוויי גאָר מאַכטפולע און קרעפטיגע "גריינדערס", וואָס וועט אין דער נאָנטער צוקונפט אַריינגעשטעלט ווערן ביים ווילעדזש סוער פּאָמפּ סטאַנציע, איידער דער סוער פאָרט אַרויס צו די צענטראַלע אָראַנדזש קאַונטי סוער פּלענט, און וועט זיין אַן אויסטערלישע הילף צו פאַרלייכטערן דעם סוער פון דער גאַנצער אומגעגנט.




די צוויי גאָר קאָסטבאַרע מאַשינען, פון די באַרימטע "ענוואי" פירמע, וועלן אָפּקאָסטן די סומע פון פופציג טויזנט דאָלער, וואָס דער ווילעדזש וועט אינוועסטירן, כדי צו איינשפּארן פיל מער געלט אין שאָדנס פאַר אידישע היים אייגנטומער און צו פאַרמיידן ליעקס און בעק-אפּס בעז"ה. די פאָנדן איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ ספּעציעלן "באַנד" כדי אַז דאָס זאָל נישט האָבן קיין דירעקטן אַפּעקט אויף די ווילעדזש שטייער צאָלער.

# פּרואוו פון אנטיסעמיטן צו נוצן "היסטאָריע" צו שטערן בלומינגראָוו וואוקס "איינגעוואָרפן"

**פלענער אויפצובויען רחבות'דיגע כשר'ע סופערמארקעט פאַר בלומינגראוו שפאנט פאראויס נאך איינוואַרפונג פון אלטע הייזקע אויף וועלכע די אנטיסעמיטן האבן זיך געהאט אנגעקלעבט**

## פארזעצונג פון די ערשטע זייט

סייז פונעם בלומינג גראוו ווילעדזש באדייט אז עס איז ב"ה פארהאן גאר אסאך פראפערטי וואו צו וואקסן און בליען אויפן עתיד.

די עסקנים געבן צו פארשטיין די יעצטיגע סומאטוכע ווי פאלגענד: רוב פראפערטיס פונעם טאון און בלומינג גראוו, און אזוי אויך אינעם גאנצן ראיאן, האבן פאר לאנגע יארן באלאנגט פאר פארמערס, און ס'האט געקענט זיין בלויז 5 צי 7 פארמערס וועלכע האבן פארמאגט אונטער זייער אייגענטום טויזנטער און טויזנטער אקער-לאנד, וואו זיי האבן געפלאנצט קארן, פאטעיטאס, געהאדעוועט קיען פאר מילך און נאך, בעפאר דער ראיאן איז געווארן מער באוואוינט און באזעצט.

צווישן די גרויסע פארמס זענען געווען געציילטע הייזער דא און דארט וואס האבן באלאנגט פאר פריוואטע מענטשן, אזעלכע קליינע פארם הייזער וואו די פארמערס האבן זיך אויפגעהאלטן אדער אנדערע. אויף די מענדזשין ראוד גאס אין בלומינג גראוו, הארט נעבן דעם "רוט 208" שאסיי, איז פארהאן איין אזא הייזקע וואס שטייט שוין יארן נאכגעלאזט און פארנאכלעסיגט, זייענדיג העכער 250 יאר אלט, און אט איבער די הייזקע האבן זיך די אנטיסעמיטן פרובירט צו צעפירן די הענט.

דער חרדי'שער אייגענטומער פונעם באקאנטן "פעפערמינט סופערמארקעט" אין קרית יואל האט מיט מער ווי א יאר צוריק אנגעהויבן פלענער צו עפענען נאך א גרויסע סופערמארקעט ספעציעל צו סערווירן דעם בלומינגראוו ישוב, און האט פאר דעם צוועק אפגעקויפט 2 פראפערטיס נעבן דעם 208 שאסיי, און דערנאך אויך אפגעקויפט דעם שטח וואו די אלטע הייזקע שטייט, וועלנדיג קענען אהערשטעלן א רחבות'דיגע סופערמארקעט מיט אלע צוגעהערן.

ווי נאר די פלענער פאר'ן גרויסן כשר'ן סופערמארקעט זענען אויפגעברענגט געווארן, האבן די פארבליבענע רעשטלעך לאקאלע אנטיסעמיטן אין בלומינג גראוו זיך געהויבן די קעפ און האבן פרובירט צו נוצן יעדע סארט אויסרייד דאס צו שטערן און אפשטעלן, נישט קענענדיג זעהן אז דער ישוב וואקסט אזוי שיין. דאס ערשטע בלבול וואס זיי האבן אפירגעקראצט איז געווען אז דער סופערמארקעט וועט עפעס שעדיגן א דרעינידזש פונעם 208 שאסיי, און דעריבער טאר מען דאס נישט ערלויבן.

די יעניגע האבן באוויזן צו אלארמירן די ניו יארק סטעיט "דעפארטמענט אוו ענווייראמענטאל קאנסערוועישאן", וועלכע איז אראפגעקומען קיין בלומינגראוו גלייך נאך יו"ט סוכות און האבן אונטערגעזוכט די אישו. למעשה האט מען דערווייל אנגעהויבן ארבעטן אויף אנדערע סארט אפליקאציעס צו קענען בויען דעם סופערמארקעט אנדעם וואס די דרעינידזש פראבלעם זאל בכלל זיין אן אישו, און דער פראיעקט האט זיך פאראויסגערוקט מיט אלע נויטיגע אפליקאציעס און פערמיט



South Blooming Grove village leaders are reviewing a special use application that residents say will demolish a historic home, built in 1775, and turn the site into a Kosher food store.

פראצעדורן.

ווען די אנטיסעמיטן האבן געזען אז אלעס גייט פאראויס אויפן געהעריגן וועג ווי עס דארף צו זיין מיט די נויטיגע דאקומענטן, זענען זיי אויפגעקומען מיט א נייעם פלאן וויאזוי צו שטערן דעם סופערמארקעט. ווי ערוועהנט שטייט אויף די פראפערטי אן אלטע הייזקע, און די אנטיסעמיטן האבן זיך אנגעקלעבט אין די הייזקע ווי א ווירוס אין אן אימיון-אפגעשוואכטן קערפער, שרייענדיג "היסטאריע!"... זיי האבן אנגעהויבן טענה'ן אז די הייזקע איז עפעס וואס איז א וויכטיגע שטיק פון אמעריקאנער היסטאריע...

עס איז איבריג ארויסצוברענגען ווי לעכערליך די גאנצע זאך איז, ווייל די הייזקע האט נישט געטראגן קיין שום ווערד. ס'איז נישט די רעדע פון א הויז וואו עס האט געוואוינט עפעס א באקאנטער אמעריקאנער פובליק פיגור, און די הייזקע האט אויך נישט געדינט אלס לאקאציע פאר עפעס וויכטיגע געשעענישן אין לויף פון די יארן. איז אלזא האבן די אנטיסעמיטן באשלאסן אז זיי וועלן אויפמאכן היסטאריע ארום די הייזקע, אבער אלע-ווייליע איז די הייזקע געווארן היסטאריע...

די אנטיסעמיטן האבן זיך געריסט צו א קאמף אין די לעצטע צוויי וואכן, זיי האבן אראפגערופן רעפארטערס צו די פראפערטי פון די הייזקע, און האבן אנגעצייגט אז עס איז ארום 250 יאר אלט און דעריבער דארף מען עס פרעזערווירן און מ'טאר עס נישט אראפווארפן. זיי האבן צוגעגרייט לעגאלע פראצעדורן אריינצושיקן אפליקאציעס פאר די קאונטי און פאר די סטעיט, אז מען זאל צולייגן די הייזקע צו די "נאציאנאלע רעגיסטראר פון לענדמארקס" אזוי אז עס זאל נישט טארן אראפגעווארפן ווערן.

אבער טראץ די בייזוויליגע פלענער, האבן זאכן פאראויסגעשפאנט, און האבנדיג גרייט אלע נויטיגע פערמיטן און אפליקאציעס, זענען פארגאנגענע וואך מיטוואך אינדערפרי אראפגעברענגט געווארן בולדאזערס צום ארט און מ'האט איינגעווארפן די אלטע הייזקע, מאכנדיג דעם פראפערטי פלאך מיט די ערד, צו קענען דערויף בויען די שיינע כשר'ע סופערמארקעט. די הייזקע, וואס איז שוין געווען האלב-איינגעפאלן סייווי, איז צעבלאזן געווארן אינאיינעם מיט די שלעכטע גייסטער פון די אנטיסעמיטן.

עטליכע האבן אויפגעברענגט פאר די עסקנים און טראסטיס פונעם בלומינג גראוו ווילעדזש א האלב-ציניש פארשלאג, אז צו פרעזערווירן די "היסטארישקייט" פון די הייזקע, זאל מען טוישן דעם נאמען פונעם מענדזשין גאס וואו די הייזקע איז געשטאנען, און עס א נאמען געבן "היסטאריע בולעווארד"...

**הרשעים כים נגרש..**





# אימפאזאנטער מסיבת לחיים בראשות כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א צום פריידיגן גמר המקח פון בנין ישיבת אור החיים ד'טאָהש בתוככי עירינו בלומינגראוו המעטירה

## טאָהש'ער רבי שליט"א דרוקט אויס זעלטענע התפעלות פון אונזער הייליגע שטאָט בלומינגראוו; באוואונדערט דעם כח האחדות והעסקנות לכל דבר שבקדושה בעירנו המעטירה; באַדאַנקט זיך און וואונטשט אָן פאר שלוחי הציבור העוסקים בצרכי העיר באמונה.

אין די היסטאָריע פון חצר הקודש טאָהש איז דעם דאָנערשטאָג פנחס העעל"ט אָפּגעצייכנט געוואָרן אַ פריידיגע ווענדפּונקט ווען די באַרימטע ישיבת אור החיים ד'טאָהש האָט ענדגילטיג געשלאָסן דעם גמר הקנין אויף אַ רחבות'דיגן שטח המפואר, אין האַרץ פון די היימישע בלומינגראוו, אויף די "פעדללער הילל" רד. וואָס וועט בעז"ה דינען אַלס פּאַסיגע אכסני' של תורה פאר דער הייליגער ישיבה, רבנן ותלמידיהון.

שוין אַ לענגערע ווײַלע וואָס כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א האָט באַאויפטראַגט די חברי הנהלת הישיבה צו טרעפן אַ מקום מוכשר וראוי, אַ שטילע און באַשיידענע ווינקל וואָס זאָל זיין געאייגנט פאר דער הייליגער ישיבה, אָפּגעזונדערט פון די רוישיגע גאַסן, וואו די טייערע בחורי חמד זאָלן קענען אויסשטייגן בסולם העולה בית קל, מיט דעם ריכטיגן "עבודת עבודה" און התמדת התורה, אויף דעם ריכטיגן חסידי'שן שטייגער וואו די צדיקי בית טאָהש האָבן געלערנט און געשטרעבט.

דעריבער, ווען מען האָט דערגרייכט די גליקליכע מינוט פון דעם גמר המקח, איז די וואך, מאָנטאָג מטו"מ העעל"ט, געפּראַוועט געוואָרן אַ דערהויבענער מסיבת לחיים אין שפּיץ פון כ"ק אדמו"ר מטאָהש שליט"א, מיט דער אָנוועזנהייט פון די ראשי ועסקני העיר, וועלכע זענען איינגעלאַדנט געוואָרן צו די מסיבה נהדרה, להביע רננות בעד מפעלם.

ביי דעם נאָבעלן מסיבת לחיים האָט דער טאָהש'ער רבי שליט"א אַרויסגעהויבן זיין התפעלות ותענוג דקדושה אויף דעם וואָס מען האָט ב"ה זוכה געווען אז מען גייט קובע זיין דעם משכן הישיבה אין אַזאַ מקום קדוש ווי די שטאָט בלומינגראוו. ווי דער רבי שליט"א האָט זיך אויסגעדרוקט בלשונו: **"בלומינגראוו איז אַ הייליגע שטאָט, אַ שטאָט וואָס איז כולו רוחני"**, וואָס דעריבער איז בלומינגראוו טאַקע די מערסטע פּאַסיגע אָפּציע, וואס שטראַלט אַרויס אַלס אַ חסידי'שע ערליכע געגנט און איז אַזוי שטאַרק מוכשר צו דינען אַלס אכסני' של תורה פאר דער ישיבה און פאר דעם עתיד פון תלמידי וחסידי טאָהש אין ניו יאָרק.

דערביי איז דער רבי שליט"א פאַרגאַנגען אין אַ וואַרימען שיחת קודש מיט די געטרייע עסקני העיר, וואו ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן פאַרשידענע דעטאַלן אַרום דעם אויפבוי פון די ישיבה הק', און ס'איז ערוועגט געוואָרן די גרויסאַרטיגע פּלענער אויף דעם עתיד, לכונן עיר מושב מיט אַ בית המדרש לתורה ולתפלה און אַ מקום ישוב נהדר פאר עדת צאן מרעיתו.

דער רבי שליט"א האט אויך ערוועגט פרקי זכרונות פון זיין הייליגן טאטע מרן כ"ק אדמו"ר מ'טאהש זכר צדיק לברכה, בנוגע דאס אויפבויען פונעם הייליגן טאהש'ער שטעטל, און דער קשר אדוק צווישן טאהשער רבי זצ"ל מיט רבינו הקדוש זי"ע בעצה ותושיה פון דעם פלאנירונג ביזן ענדגילטיגן אויפשטעלן דעם הייליג מקום מושב, ווי אויך האט דער רבי שליט"א מאריך געווען אונעם נושא פון לפום צערא אגרא און דעם גרויסען שכר פון די אלע עסקנים וואס העלפן ארויס כסדר.

די רבי האט פארציילט אז ווען רבינו הקדוש זי"ע האט אמאל געפרעגט טאשה"ער רבי זצ"ל די וועלט בארימטע קשיא פון כסף מנלן? האט דער טאשה"ער רבי זצ"ל געענטפערט אז ער האט א גרויסן עושר וואס פינאנצירט דעם גאנצן פראיעקט, צום שאלה פון רבינו הקדוש זי"ע מי הוא זה ואיזה הוא? האט דער טאשה"ער רבי זצ"ל געענטפערט אז דאס איז דער בורא כל עולמים אין עוד מלבדו! און רבינו הקדוש האט שטארק הנאה געהאט פונעם ענטפער און זיך אויסגעדריקט; **"מיט אזא עושר קען מען טאקע בויען א אידישע שטאט!"** צו וואס די עסקנים האבן זיך אויסגעדריקט צום רבי'ן שליט"א אז אויב אזוי איז טאהש בלומינג גראוו און בלומינג גראוו איז טאהש! ולעומתם ברוך יאמרו.

ס'איז דערביי דערמאַנט געוואָרן אַז פון די ערשטע נחשונים דאָ אין שטאָט זענען טאַקע געווען די משפּחת גוטמאַן המפוארה, מחשובי תלמידי חסידי טאָהש, וועלכע זענען אַצינד אויך די איניציאטארן פון דעם גרויסן ביזנעס צענטער וואָס וועט בעז"ה זיין אַ קוואַל פון פּרנסה פאר דער אומגעגנט.

דורכאויס די גאַנצע צייט האָט דער רבי באַטאָנט ווי הערליך אונזער שטאט שמ'ט מיט איר רוחניות'דיגן כח, וואָס איז בלי ספק צו פאַרדאַנקן דעם אחדות און דעם כח העסקנות וואָס באַגלייט די שטאָט זינט די ערשטע מינוט.

דער רבי האָט דאַן געוואונטשן לחיים און מאציל געווען מברכותיו פאר די שתדלני הציבור אַז מען זאָל טאַקע קענען מוסיף והולך זיין צו העלפן אידישע קינדער און צו באַגלייטן דעם וואוקס און הצלחה פון דער שטאָט, לרומם קרן העיר לשם ולתהלה ולנצח על מלאכת בית ד'.



וווערט געזעהן הרבני החסיד ר' שמואל דוד ובנו הרבני ר' ברוך גוטמאַן, מחשובי תושבי עירינו ומראשי ק"ק טאהש אין בלומינגראוו ביים מסיבת לחיים




**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949